STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05616

OYFN VEG...

Ephraim Aysikowitchi

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אפרים אייזיקאָוויטש

אויפן וועג...

— לידער —

JEWISH PUBLIC LIBRARY
MONTREAL
Collection d'Ephémères
אוסף
Ephemeral Collection

מלוכה־פארלאג
בוקארעשט
1950

4326 — 1

אָקטאָבער

אָקטאָבער, האָבן וויפֿל אויגן אויף דיר ארויסגעקוקט
און וויפֿל צייטן און געבעט זיי האָבן אויסגעבליקט ?.

ביז צופינקלט האָסט זיך שוין אמאָל...
בשמים צארטע טראָגן זאָל דיין צוויבער קול.

אין ווינקלען אָרעמע פון דער ברייטער ערד
וואָס אין חשכות זונקען, זונקען שווער

האָבן דורות נאָך א שטויבל פריי געשמאכט
האָסטו ליבע צווישן פעלקער אויך אריין געבראכט

צו א קערנדל פרייד פון דורות געוועז איז א געבעט
האָסטו ליבע צווישן פעלקער אויך געזייט.

און שיטסט אַלץ קערנדלעך אויף דיין רום באַקרוינגטן וועג.
פון פלאַנצן דיינע נהגה זיין יעדע האַנט עס מעג.

און ווי ערלעכע מי בענטשסטו מיט אַ פרייד
אַזוי אויגן גייציקע שטעכן דיינע רייד.

ביסטו אָקטאָבער גרויס דערפאַר, ווייל לעניין דיך אויסגעקנעטן האָט
פאַרן מענטשן׳ס לעבן שווערע, פאַר זיין נע־ונד.

און אויסגעבאַוועט האָבן דיך סטאַלינס הענט
און דורך דיר העכער הויבן זיך נייע ווענט

פון דעם מויער שיינעם — לעבן קלאָרן
וואָס פון אומגערעכטיקייט ניט בלייבן וועלן שפּורן.

אָקטאָבער. ווייסטו וויפל אויגן קוקן אַלץ אויף דיר זיך אוים?
פאַרקורצ־זשע שוין די צייטן און פיר דעם רעשט צום ליכט אַרויס!.

קינדער יאָרן

I

ווען איך פּרוּוו צעוויקלען
מיין קינדערשן זכרון
געפין איך דאָרט באהאלטן
כל המינים שפּורן:

שפּורן פון א לעבן;
(אזוי האָט עס געהייסן)
הונגער, זאָרג געוויקטע
אין אָנגסן און אין שווייסן...

אומעט, גרוי און שטיל...
אין מיין טאטנס שטוב,
ווי שטיל און צארט די נאכט
די שטערן וועקט פון שלאָף...

אַרום א טייכל טרערן: —
צרות גרויסע סטויגן;
טרערן אויסגעווייגטע
פון מיין מאמעס בלויע אויגן.

אויפן טייכל תפילות,
תפילות אירע שווימען:
„די וועלט זאָל ערלעך ווערן"
אין אויערן מיינע ברומען.

★

מיין טאטע אין א זייט
אין שיל צו מזרח שטעט
די שמונה עשרה שאקעלט אוים
און אויף פרנסה בעט...

פון צייט צו צייט — א קרעכץ
לויפט נאָך א שווערן זיפץ
ער שיקט זיי ביידע אהין
וווּ דער „בורא עולם" זיצט:

„עס איז דאָ וואָס צו הערן,
עס איז דאָ וואָס צוזעען...
די קולות צו זיין ווייסן
אפשר וועט דערגייען..."

אַז די זעלבע טענות
פון יידן הער איך נאָך,
וואָס פאסטן אוים תעניתים
זעקס מאָל אין דער וואָך...

★

איך טרעף זיך מיט מיין רבין,
דערפיל די דריבנע קניפּן,
דערזע דעם נעלן שמייכל
אויף זיינע בלאסע ליפּן...

דערקען אין האנט דאָס טייטל,
וואָס געלערנט מיך אַן „אלעף"
איך שארף זעט-אוים אצינדערט,
ווי דעם שוחט׳ס חלף...

ווען די קויטיק-שווערע הימלען
ברענגען ווינטן שנייען:
צעבייזערט זיך דאָס טייטל
אין שניידט די טרער אינצווייען...

★

מיש איך אויף א בלעטל גערן,
וואָס מיין זכרון וויל אליין טראָגן:
„פון דיר א לייט וועט ניט ווערן",
ווי מיין טאטע פלעג מיר זאָגן.

שטייט דאָ אויפגעשריבן
מיט דער האַנט פון מיין זכרון:
— גרויע טעג, כמארנע טעג,
טעג פון מיינע קינדער יאָרן;

זע איך זיך ביי א קעסעל הייסן
העלף געקאָכטע פלאמען מישן,
באפעלט די באלעבאָסטע מיר
דאָס קינד אין וויג באוויישן.

זאָגט זי — „גיי", זאָג איך — „ניין
דאָס וועט איר בא מיר ניט פויעלן"
ראַמט זי מיר א סוד אין אויער:
„— לעגן וועל איך דיך אויף קוילן."

איך הבטחה פירט באלד אוים:
א שטורך אין זייט דערפיל א פעסטן
און מיטן מעטער פון דער קלייט
כאפט מיין קינדערש לייב אויסמעסטן...

מיט סימנים אויפן לייב
לויף איך גיך צו מאמעס שוים
זי באגלעט די פלעצער רויע
און שיקט פון אויג א טרער ארוים:

צום פארהיילן און צום בונדן —
צו א הייסע איז איר טרער:
בריט נאָך שטארקער אויס די ווונדן,
פארסמט דער מאמעס לעבן מער...

גערינט ביי אלע באלעבאטים
מיט וואָס דאָס שטעטל איז געבענטשט
געוואלט מיך מאכן פאר א סוחר,
געוואלט מיך מאכן פאר א „מענטש"

און איך ביי יעדן פריץ דינען
פלעג נאָר וואַכן — איינע, צוויי;
מיר נמאס ווערן פלעג זייער עבודה,
מיר נמאס ווערן פלעגן זיי,

און אזוי פון אָרט צו אָרט געלאָפן
ביז איך האָב דעם וועג געפונען,
און אויסגעלערנט וואָס צו טוען
מיט די גאוה פריצים — שפינען...

און געגאסן האָט די לערע
ליכטן, ליכטן אָן א שיעור;
באפליגלט האָט זי מיין געוויסן
און אלע וועגן געעפנט מיר...

II

בא מאמע טאטע — א בן־יחיד
ווייסט וויאזוי מיט זיי זיך פירן...
זאָג איך: — לערנען וויל איך א מלאָכה...
אין גרויסער וועלט מען זאָל מיך פירן...

פון קליינערהייט דער מאמעס ליבע
האָב איך פארשטאנען ווי אויסנוצן...
א טאָקער ווערן וויל איך דווקא
מעש און אייזן וויל איך שניצן.

הדשים בעט איך אלץ מיין מאמע
פאָרן שוין אין שטאָט אמאָל,
ווי קוימענעס הויכע טראָגן היצן
פון געברענטע קוילן שטאָל:

„ער זוכט א לייד, ער זוכט א וויבער
שטאָט? איז דען דאָ ביי אונדז א דאָרף?
א גנב ווערן וועט ער גיכער
און ווער ווייסט — סארא אויסוואָרף?!“

בייזערט זיך דער טאטע מיינער
און וואָרטשעט אונטער דאָרט,
ב׳עת מיט צוואנגען מיך ציט אהין
צו יענעם גרויסן... גרויסן אָרט..

אָבער וואָס קען א קינד נישט פּויעלן
בא טאטע מאמע ווען עס וויל
אפילו שטורמיש גיין אויף וועגן
גיט ווי אנדערע אין שטיל...

זיפּט א רעגנדל א פּוילס
אין א הארבסטיקן פרימאָרגן
זיפּט עס אריין אין הארצן מיינעם
בענקעניש מיט גרויע זאָרגן.

בליפּעט אויס אזוי דער הימל
אין שטיל א זמרל א דינס;
זינגט ארויס די פרייד פון הארצן —
גייט פארלוירן דאָס געווינס...

איז שוין אויך אמאָל צו מיר
א געגארטער טאָג דערפלויגן
ווערט דאָס רעגנדל אלץ בייזער
און אומעט גיסט אין מיינע אויגן.

שטיי איך שוין אין הענט מיט בינטלעך
און אין אברים מיט א קיל,
קאטשעט דורך זיך א מורא:
טוט מיין הארץ א פארהיל.

און קאָפּעט אוים פֿון ליפּ א זיפּץ.
דערגרייכט ער צו מיין טאטנס אויער
„— וואָס־זשע קרומסטו זיך מיין תכשיט
און קנייטשט פֿון זיך, — ארוים א טרויער...,?

ליפּט א צווייטער נאָך דעם ערשטן
און צעלייגט זיך אויפֿן וועג...
גיי דערצייל אים אז דער טאָג
שווארצער איז פֿון אלע טעג...

ווען א טפּררו... דער בעל־עגלה האָט אין מיר אריינגעשריגן
און חברים געזעגענען צו מיר שוין גייען:
האָבן בלוטן זיך אָנגעהויבן אין אָדער קריגן,
א קלאַפּ אין שליפֿן און אן אומרו אין הארץ פארזייען.

. . . .

ווייניק וואָס געפֿאָרן, קען מען זאָגן:
אין אכט שעה, פופצן וויארסט געלאָזט ארונטער
בארג ארויף האָבן אונדז די פיס געטראָגן
און בארג אראָפּ — געגאנגען נאָכן וואָגן.

און די פערד סאָפּען נעבעך, באשווייסנדיק די וועגן
דער בעל־עגלה האָט זיין וועלט געשאָלטן און מיט ווי אין זיי געשמיסן
פֿון אויבן עקשנותדיק געוואשן האָט דער קאַלטער רעגן
און די בלאָטעס האָבן אונדז די פיס פֿון גוף געריסן...

אזוי אומענדלעך האָט דער רעגן אַלץ געגאָסן,
און דער הימל אויסגעלאָשן האָט דאָס לעצטע ביסל שיין:
אין וואקזאַל די דריטע קלאַס איז אָפּגעשלאָסן
און אין דער צווייטער, אזוינע, לאָזט מען נישט אריין...

ס'איז ערשט נאכט געוואָרן און דער רוימיקער ארום
דרימלט שוין, לויט זיין דורות'דיקן שטייגער
איך און מאמע קלאַפּן אין אַלע טויערן אָן:—
איבער נאכט געפונען כאָטש א שטיקעלע געלעגער.

די אויסגעשיילטע שטילקייט פון געדעכטן חושך
לעג איך אונטער מיין צעקאָפּנס
און אין דעם נאכטיקן „מנוחה־ווינקל"...
פארדעק איך זיך מיט קאַלטע טראָפּנס.

. . . .

פון טעג און וואָכן זענען מיר שוין
מיד געוואָרן צו׳ פריצים לויפן
זוכנדיק אין שטאָט א בעלן
כוחות מיינע צו פארקויפן...

„שוואך. וויפיל טעג שוין ניט געגעסן?"
פרעגט מיין מאמען א בעל־חבית,
בעת פרוווט מיין האנט, צעשמעכעלט
און פארקרימט זיין גאוה־נאָז...

אין א טאָג די מאמע פרייד
פולע הענט אהיימגעבראכט:
געפונען האָט זי א זאוואָדל —
ווו לערנען וועל איך מיך דאָס פאך...

III

ווען אין זאוואָד
כ'בין געגאנגען
איז די זון באם חושך
געלינגן ווייט באהאלטן

און ווען פון טאָג די מידקייט
אויף מיינע פלייצעס איז שוין געהאנגען
האָט א פארחלומטער דער הימל
זיינע לעכט אין הענט געהאלטן

און געטראָגן מיר אקעגן
א פארשימלט עלנט שטיבל
ווו שטראלן קלאפן אין פענצטער
פון מיין פירעקעכיקן גריבל...

און דאָרט: ווארעמט גליעט
מיין גרין־שפראצנדיקן ווּיסן...
פיקט זיך פראגן אוים אין מוח
און לעגט אין מויל אריין דעם ביסן...

ווי שטיל א בלאט א גרינער
טרונקט זיך אָן מיט זאפט פון צווייג,
אזוי פון יעדער נאכט די שטילקייט
טרונק איך אויס... און שווייג...

אין די ווינטער טעג
מיט זייערע נאכטיקע פרימאָרגנס,
ווען ס'טראָגן מיך די פיס אין וועג
מיט פונקען טליענדיקע טיף פארבאָרגן

דעמלט שטערן שעפטשען סודות מיר
אויף א צויבער ניגון
און אדורכלויפנדיק געהיים
פרוווט מיך לייכט פארוויגן

אין מיין עלנטן נע־ונד
און לערנט שטאָל פארקיילן דורך וואסער, פייער
אויך ווי אויסשניצן אין זאוואָד
א שליסל פאר דער פריי באפרייען...

דאן אנטפלעקט זיך קלאָר די וואָר:
ווי פארבייזלטע הענט מיט קראפט באלאדן זענען שטארק
אין הארץ, פארן קאמף דעם ערלעכן, שיט איך אָן
בטחון, מוט א גאנצן בארג.

מיין רעכט

די שווארצע שייַן אַן אָפּטער גאַסט
פאַרהילן וויל מיין טאָג־ליכט
סעודות פראַוועַן אויף מיין קאָסט
און טריפט געוויין אין מיין געדיכט...

דער איינציקער וואָס ברענגט א שטויבל רו
פאַרשטאַפּט די קוואַלן־פיין, לעשט־אָפּ מיין ברי
דאָס אויג וויישט־אויס, א רגע מאַכט׳ס צו —
איז מיר דער העלער אינדערפרי:

מיט זיינע צאַרטע שטילע טריט,
וואָס שטראָמט מיט צוזאָג פון העלן מאָרגן,
פון אייביקייט — אין מיר דאָס ליד
פּרוּווט אויפוואַכן — וווּ ס׳ליגט פאַרבאָרגן...

בעת איך רייס פון הארץ דעם שלאָס
לאָזן פריי מיין פרייד־געזאַנג
הויבט אויף אשמדי זיין כוס...
שפּאַרט מיר אָפּ מיין נייעם גאַנג...

און וויזט מיר גיך דעם גיהנומס פלאַך
וווּ נאָך ס'טליעט זשאַר פון פּיין.
אין אויגן מיינע זיין חוזק־לאַך
פאַרשוואַרצט די העלע, ווייסע שיין...

זע איך ווידער דאָ און דאָרט כוחות זאַמלען
מיסט און שמוץ — וואָלקן־שטויב.
הער איך ווידער זייערע צונגען שוימען, שטאַמלען,
מוחות טומלען פון וועלטן־דרויב...

בייט איך מיין ליד פון פרייד אויף ליד פון קאַמף און טרייסט
גלויבן, מוט — נאָר נישט אויף ליד פון שלעכט...
זאָל וויסן יעדער ווער נאָך פון דעם ניט ווייסט,
אַז מיך פירן וועט מיין אמת, מיך שטאַרקן וועט מיין רעכט...

דער העלער מאָרגן גייט מיט זינגעוודיקע טריט
זיין עכאָ — טרייסט און וואַרעמט, יעדן בענטשט...
פאַרפלייצט אַ כוואַליע פרייד שוין מיין געמיט
ס'רירט דאָס ליד פון טיפעניש צום מענטש...

יאַנוואַר 1948.

סירענע

וועקט די סירענע
פון שלאָף אויף
דעם מענטשן

ווי א מאמע
איר קינד
אינעם וויג,

די מאשינען
וואָס ווארטן
זיינע הענט זאָלן בענטשן;

מיט א שמייכל
באגעגנט
אין בליק.

רופט די סירענע
דעם מענטשן זיין חוב
אויסצופולן

ווי די מאמע
איר וויג־קינד
אָנזוויגן.

מוטיק, מיט פרייד
און מיט אז
ערלעכן ווילן

באגייסטערט
ער טוט זיך
באוועגן

פאר זיך,
און פאר דיר,
פאר באפרייטן לאנד.

פארפעדעמט,
פארפלעכט
זיינע יאָרן

שטרעקט'ר
מאשינען
זיין מעכטיקע האנט

א י נ י י נ ע ם
צוויקלען

— די העלע קאיאָרן .....

היינט

גלויב אין דעם היינט וואָס גייט דיר אקעגן
גלויב, אין זיין הייליקער ריינקייט
פון טיפעניש וויל ער א פראגע דיך פרעגן
צי א מבין דו ביסט אויף זיין שיינקייט?

דו, וואָס אין שאכטן טראָגסט דיינע שוויסן
און דו באם אויוון וו מעטאלן זיך קאָכן און גיסן,
דו וואָס באנעצט דעם באָדן קאלטן און הייסן
און דו אין דיין וואקל צווישן שיינעם און מיאוסן

ווייסטו ווי שווער דער היינט איז געבוירן?
ס'ארא צעהרבטע ווענס געוואקסן
וויפל טרוימען זענען געגאנגען פארלוירן
און געבראָכן פון וועגן, אויף וועגן זיך אקסן!?

אין שטויב פון צעריבענע לעבנס
געשלייפט זיין שאַרף האָט דער אַקער...
פון אַ שטראַל אַ פאַרכאַפּטע אין געהיים
צעבלאָזן האָט זיך איצט שוין אַ פלאַקער:

פון ווערעם און ליכט פאַר די פּאַלדן
פון פליינען באַגרינטע אין סוף
פאַר טרוימען צעבליטע וואָס הויבן
צו הייכן... צו הייכן זיך אויף...

דער היינט אין זיין לוימערער העלקייט
אין געאייל אויף ווינטיקע פליגל
האָט אין אַ בלומען־אָטעם פאַרהילט זיך
און אין אַ שמייכל פון קינד אינעם וויגל...

איצט קומט ער איעדן אַקעגן
מיט אַ חנדל פאַר נעכטיקע שעצער...
צי דאַרף מען דען עמיצן פרעגן!?
צו עפענען פאַר אים די הערצער...

גלויב, אין דעם היינט וואָס גייט דיר אַקעגן
גלויב, אין זיין הייליקער ריינקייט.
פון טיפעניש וויל ער אַ פראַגע דיך פרעגן.
צי אַ מבין דו ביסט אויף זיין שיינקייט.

קאיאַרן

אין קאיאָרן
באם אקערן
דעם באָדן
רייניקן פלאכן
פון שטיין
און פון דאָרן,

זיך רויטלען
פאר אויגן
באגינען.
לידער,
אין רוימען
אויסזינגען.

בעת ערלעכע הענט
מיט ווייסן
באלאָדן.
פאר צייטן,
פאר פארבן
פון העלע קאיאָרן,

אין אקער....
א פרייד, זיי האָבן
געפונען.
צום שמעלצן
און קייטלען
די גאָלדענע רינגען

קאיאָרן
ביים וועבן
די העלן

באגעגענען
מיט פרייד
אזא וועלט

ווי קרעפטיקע הענט
ווייסן
צו שטעלן

דעם נעכטיקן מענטשן
אויף א טראקטאָר
אין פעלד.

ד י מ י ט ר אָ ו ו

(דער 10־טער יולי 1949 אין טאג פון זייך
מקבר זיין)

נאָך שטורמישע יאָרן א הארץ איז פארשוויגן
פארשלייפט אין זיין אייביקער רו
א געהייליקטן מענטשלעכן ניגון.

האָבן איבערגעריסן אָטעמס מיליאָנען
פארכלינעט אין ימען פארדראָסן
און מיט געבויגענע קעפּ פארן קעמפער געשטאנען

פארצאָרנט און געווישט פון אויג אוים א טרער
פארן קול וואָס צו פרייהייט האָט געוועקט זיי
פארן הארץ וואָס געקלאָפּט פאר זיי שווער

צעכליפּען געמיטן א טרויער פון זיך:
פארוואָס אויף אויגן וואָס ברויזן מיט גוטקייט
וויעס ווי בלייען געפאלן אזוי גיך!

און אויסגעלאָשן א מוח זיינע לעכט
בעת אין מערב און אין ערגעצן ווייטע די העל
אין קלעם ביי דער נאכט — און שווער נאָך פארקנעכט!

און ס׳זינגט שוין ניט מער א הארץ א געטריי
ווען ס׳וואקלט די ווענט שוין די רעכט
און שטייט אויפן שוועל צו איר פריי!?

געטריפט זיינע בלוטן די נאצים און געגאָסן אין זיי גאל
גיין! ניט בלוטן אין זיין אָדער געכוואליעט,
נאָר זידיק צעטאפעטער שטאָל:

וואָס הילכיק אין לייפציק צעדונערט א קול
נאצישע פעלן צו סמאליען... און געוואָרנט אין שוידער
וואָס היטלער געגרייט. צום וויפילטן מאָל?

אָט לייפציק אנטפלעקט זיין געוויסן ווי הויך און ווי ריין איז
וועלן מיר העכער אין דורות טראָגן זיין פאָן
מיט דרייסטקייט, מיט ריינקייט ווי זיין לעבן געוועזן איז!

און זיין זאָג ניט פארגעסן. טיפער געדענקען
פון יאָרן פארפלאָכטן, פארקניפט אין זכרון
וועלן מיר מאָנען... מיר וועלן ניט שענקען״!...

האָט א הארץ נאָך שטורעם זיין גאנג אָפּגעשטעלט
האָבן מחנות אין רוימען געגאָסן זייער מוט.
פאר זייער העלד וואָס געהערט דער ארבעטער־וועלט

צום קבר וואָס היטן די רו פונעם העלד
מיט פלאמיקע זאָגן שטרעקן זיך הענט
פון שאכט און פאבריק, זאוואָד און פון פעלד;

„מיר וועבן דיין פאָדעם — אין דער ט־ויעריקער **שעה**
פאר אונדזער אמת די וועלט מירן שטעלן"
שווערן מיליאָנען שווייסיקע שטערנס א דאָ.

צום בלי

איך געדענק
אויף שטעביקע בענק
בא נאקעטע טישן
געזעסן...

מיין בעטל — דער דיל
דער קיליק — דאָס קישן
פארסמט געוועזן מיין עסן.

גענוג... גענוג זיך גענויגט
געבעטלט, געבויגן
אין טרערן אויסגעוויינטע
פארטראָנקען די אויגן...

געוואָרן מיר נמאס
זיך רויטלען, זיך בלייכלען
פאר אויסנוצערישע טומאות
פאר חוזיקע שמייכלען...

געוואָרן מיר נמאס
די זייטן, די מדות
פון רציחה־פארבאָרגערם...
מאסקירטע פארזאָרגערם

מיין אָטעם זיי שטיקן
פארשלייפן מיין וויסן
מיט חניפשן בליק...

ניט צום קריכן געבוירן
אלץ זוכן מיין גורל
נאָר דרייסטער אויף מעגן
פארקערצן וועגן

מיט רעשיקן פלי
צום ווייט,
צום הויך,
צום בלי!!!

נו פאַרשפּעטיקט אַביסל
באַגאַנגען אַ פעלער
דעצעמבער — מיין שליסל
פאַרן הפקרן קיילער!
צעפּראַלן וועט ברייטער
זיין טיר, זיין פענצטער
פאַרן ליכט פון געזאַנג
וואָס פאַריאָגט די געשפּענסטער

איך פיל און איך ווייס
מיט ווילן
מיט מי

און מיט אייגענעם שווייס
אין צעוויקלטן בלוי
רעפּובליק מיין חלום צעבליען
מיט הייליקן טוי
אים זעטיקן,
צייטיקן,
צווייַען...

און ניט קאַרגן מיין כח
ניט ווערן וועל מיד
מיר העלפן — מיין מוח,
מיך קרעפטן — מיין ליד;

און מיט זיך אין פאַרמעסטונג
וועל שטעלן מיין טראָט
אין שטורם מיטגייען
דאָס דאָרף און די שטאָט
צום פלעכטן פון אומות
פון אַלע — איין קייט
און מיט פאַרפלאָכטענע פלאַמען
גרייכן די שטאַמען
פון רעכט,
פון ליבע,
פון פרייד!!

טראנסניסטריע מאָטיוון

צווישן שטעב־דראַטיקן מקלט אין טאָל
פונקלען פליטערלעך ווייכע רואיק א דאָ
און קינדער פארקנוילטע אָן א צאָל
דעקן מיט הימלען גרויע זיך צו...

און מאמעס אויף קני אויף געפאלענעם שניי
דיכענען ביי א טיר פאר א וואנט
טרייסלט א ווינט זיין שטויב אָפּ אויף זיי
און פון אויבן דער פראָסט באגלעט מיט זיין האנט...

הפקר און עלנט באוועגן זיך שאטנס געבויגן
פארשטארצט מיט איבערגעפרוירענע בלוטן
אין וואסערן מוטנע פון מאמעשע אויגן
בוואליעט א טרויער זיינע לעצטע מינוטן...

פאַר ציינער פון אייגענע מיילער געריסן
בעטן זיי וועמען. באַם שדישן לאַך:
— קינדער פאַרשלאַפטע כאַטש שענקען
זאָל דער „בעל רחמים”... אַ שטיקעלע דאַך
זיי זאָלן זיך דאָרטן אויסקרענקען”

פונקלען פליטערלעך ווייסע רואיק אַ דאַ
צווישן שטעכ־דראַטיקן מקלט אין טאָל
באַטרערן שוין הימלען אויך אַ פּאָר שעה
אויסגעפרווירענע קינדער — שטיקער אייז אָן אַ צאָל...

דער אכזר און פריינט

נאָכן וויכער !
אריבער
א באלײדיקטער,
באעוולטער
געשטאנען ביז איצטער
מיט שכנישע היימען
פארטראנקען
אין נעכטיקן פינצטער...

זאמלען זיך שאטנס
און פלעכטן זיך
א י ב ע ר ...

אויף חורבות
וו צעבלאָזן
דאָס אש איז
פון ווינט

פארהילט
און באטרערט
האָב איך מיין וונד.

. . . .

פריי.
גלויב איך אין דעם.
גלויב מיין באנייעטער היים.

מיין ארבעט זעץ פאָר
און דיין איר
געטריי.
זי
מיין ליבע געווען
און ליבסטע וועט זיין.

גרייכן
דעם געזוכטן
אינדערפרי
געווען איז מיר
שווער...

איך בין דאָך פון די
וואָס ווילן נישט מער
לאיבוד זאָל גיין
זייער כח,
זייער שוויים,
זייער מי!

איצט צעקלאַפּט זיך גאַר אנדערש
דער האמער,
שארפער
צעשערט זיך די שער:
גייט דרייסטער די זעג
אהין און אהער.

אין שטילער איצטיקער רו
דערמאנען:
דאָס יאָר
די וואָך,
דעם טאָג
און די שעה

פון צער
און פון לייד,
פון פיין
און פון יאמער
ניט קאַרגן א טרער
כאָטש אן איינציקע דאָ
פאר אלע,
פאר אלע,
פאר אלע!!!

אויך אויפן גריבל
ווו געזונקען אמאָל האָט א שטיבל...
דאָרט מיין שכן געניית האָט א שיך
און דחקות געקייעט, טרערן געשלינגען,

טרוימען געוועבט,
געהאָפט...
און געדרינגען...
און א זמרל
פון א לעבן א בעסערס
געזינגען...
אזוי מיט קלעפ דורכגעלעבט.

און צום סוף?
א קול באהאלטן אין זיך.
נים דערלעבט
זיין טעכטערל
מגדל צו זיין.
ביי א טאטן
פירן זיין קינד אונטער
א חופה —
איז א הייליקער טרוים

אין ערלעכער אָרעמקייט
זיין קינד האָט
געצערטלט,
געלאָנטשעט,
געפעסטעט

ביז א דונער
אין פלאמען
פארוויקלט זיין בוים.

אונטער א חופּה א שוואַרצער
א צעבלוטיקטע — רויטע
אין הייזל ביים טאַטן
צוקאָפּנס געליגן
א טויטע.

אויך ניט דערלעבט
צו זען די שיין פון באַגינען,
צו זאַפּן
געשמאַקן פון היינטיקער העל,
וואָס שפּיגלט די ריינקייט
פון אָרעמער שוועל.

לאָמיר א טרער ניט דערוויינטע
פון א מאַמען
דערוויינען.
געשענדט אומפאַרשעמטע
אויף מאַמישע אויגן
איר איינציק מיידל

דערנאָך?
דורכגעלעבערט דאָס בלייַ
האָט זיי ביידע...

אָט דאָס ביסעלע אש
באנעצט מיט מיין טרער
פון מענטשן געלעבטע
שטיל,
אָן
רעש
קיינעם באַרירט
אויך קיינמאָל קיינעם ניט
אונטער־געפירט.

אנטהאלט א שטויבל
פון א קרבן
א דריטן:
דער זיידע
צווישן אייניק און טאָכטער
געליגן אין מיטן...

. . . .

גרוילן פון יאָרן
פון טעג
און פון שעהן
ווי מעג מען פארגעסן?
אין לעבן,
ביי ארבעט,
אין רוען.

דערוועקן:
א קלעם,
א ברי,
און א שטאָך...
אין אַטעם געדאכטן
פון ווינט אויפן גאס:
צעוואקלען,
צעבלאָזן
דעם נעכטיקן בראָך
און צעבלעטערן אין וועזן
גיך אָפּ:

א בענקשאַפט,
א ווײ,
א פארדראָס

— און זיי:
פארנעפּלען מיין טאָג,
מיך וועקן אין נעכט פון מיין שלאָף,
ווערן אויגן
געשוואָלענע
נאַס
און ברענגען יסורים,
שווערע יסורים
פארשווארצן די שיין
אין גאס,
אין חדרים

פון ערגעצן ווייטע
(ווו אכזרים רואיק
נאָך זיצן)
גרייכן צום אויער שושקערייען:
„צי מעג איך זיך דרייען,
פארן ליכט דאָ נאָך שטייען"

צו וואָס נאָך אָט די געבליבן?

איך וויל
און איך וועל
צום העל
אויך מיטגייען

בא טויערן
ניט קלאפן
מער
זיך ניט בעטן

איך וויל
און איך וועל
אויך א ליכטל צעצונדן,
אָפשיילן דאָס הייטל
פון אויג בא דעם בלינדן,

העלפן אויף תליה
דעם אכזר אויפהענגען
און פלעכטן א שטריק...
פאר זיין האלדז
ענגער פארבינדן,
שטייפער פארקניפן
און זיין אָטעם
דערשטיקן
מיך וועט מען
שוין מער
אינערגעץ ניט
פארשיקן...

בויען,
אקערן,
זייען: —
דאָס איז

מיין ערלעכער ווילן.
מיך בויגן?
ניטאָ אזא כוח
ער זאָל דעם שטורעם צו פריי
אין מיר שטילן!

מען וועט מיר ניט הייסן.
און אוודאי ניט נייטן
אליין איך
מיט מוטיקע הענט
פארשניצן א ברעט,
פארמישן ס׳ליים
און אויפשטעלן
אויפסניי די צעפאלענע ווענט

II

פון קאַצעטן
אהער
געקומען
צוריק
ווארפן מיין בליק
אין מקומות
ווו אָטעמען
געווען אמאָל

ש ווע ר . . .
איצט שטאָלץ שטעל איך
מיין טראָט
מיט רעכט
ווו ערשט נעכטן
ג ע ק ר אָ כ ן
אין מיין לייבלעכער שטאָט...

ווי מצבות
אין בית־עלמין
געשטאנען פאריתומטע ווענט
פון מיין שטיבל
צעבראָכן.
געטראָפן זיך דאָ
אויך מיט איינצעלנע הענט: —
צארטע . . .
ניטאָ קיין מאזאָליע צו זען
ווייסע,

ווי געשליפענער מארמאָרנער שטיין
אָט די גאוה'קע הענט,
ווי איך וואָלט זיי דערקענט:
מיט נעגל
פארשארפטע,
צערייצטע,
מיט אויגן פארגלייזטע
ווי נעכטן
פארשפיצטע
אויך היינט
ציכטיק פארשניצטע
מיט חניפה באפוצטע...
גאָר ניט געענדערט:
ניט גרין,
ניט בלוי,
ניט געל...
ווען די צייטן טון וועסט
א שייל
און טיפער זיך איינקוקן
אין זיי
דערקענען אויף גיך וועסט די שיין
פון טויזנטער שאטנס.

א ל יי ן.
נאָך קיינעם,
נאָך גאָרניט
עס טוט זיי ניט באנק...
פ א ר ג ע ס ן

ווי דאָס קיינמאָל אין לעבן
ג ע ש ע ן,
צי יאָרן פארגאנגען,
אין אייביקייט
ווי אַ רויעך זיך צעגאנגען
פ א ר ג ע ס ן...
שוין לאנג?...
ערשט נעכטן פרויען געשענדט,
קינדער אינצווייען צעריסן,
אויף שייטערס געברענט,
אין גריבער געשליידערט,
צייגער פון מיילער געריסן...
און העלדזער אויף תליות געקלעמט.
אָט דער אכזר זיך ניט מינעט,
ניט שעמט
נאָך ניט צעגאנגען
דער שוידער פון צייט
אלץ ניט דערגרייכט,
ניט דערגאנגען!
הרטה?...

ח ר ט ה?
נאָך ווייט!
און קיינמאָל בארירן
די ציכטיקייט פון הענט,
באָטש די הויט אויף זיי:
צ י ט ע ר ט,
ס מ א ל י ע ט,
א ו ן ב ר ע נ ט

דרייען זיך,
חנדלן
און קונסטלען אוים רייד,
זיך דערמאנען אין
געשמאקן
פון נעכטיקער פרייד...
פארשטעלטע,
מאסקירטע
זיי טענהן, זיי זאָגן:
„ווו קען מען וועגן אונדז אזוינס מיינען,
אז מיר זענען פעאיק צום שלאָגן
(מיינט איר זיי פרווון זיך שעמען?
נאָר באהאלטן דערביי זייערע בליקן
אונטער צעשויבערטע ברעמען)
ווי נעכטן אויך מאָרגן קיינעם באַרירן,
מיר זענען געבוירן צום צערטלען,
די ריינקייט פון הענט ניט באפלעקן
און קיינמאָל זיי ניט פארשמירן"

אנשטאט זאָלן שטומען
אונטער פלייצעס זיי ברומען:
„גיטדערשניטענע, גיטדערשניטענע
געקומען הער
ווידער"

ווייניק בלוטן געגאסן!?
ד ע ר י ב ע ר
ווי מעגן מיר שטייען
מיט הענט און מיט מיילער ג ע ש ל אָ ס ן?!
צי מעג מען דען רוען
ניט זאָרגן,
אז דעם נעכטן פארבייטן,
קען ניט דער מאָרגן...

אויף א שטעזשקע געטראָפן,
א בריקל געוואָרפן,
און אָנהויב געלעגט...
א ו ן ע ר, מ יי נ ט
מען האָט דאָך געמעגט
וועט מען מעגן אויפסנייי
אויף האלדז
א שטריקל פארווארפן
און דעם אויוון
גאנץ פריי
צעצונדן!
צעבלאָזן
זייער גהינום, גאָר ווייט
און גאָר הויך...

אָ ב ע ר וו ו!
די ווינטן אוועק מיטן רויך
קרובים מיט מיר זענען דאָ.
איך בין שוין ניט איינער,
וואָס טראָגט אינעם הארצן
א ליבע א ריינע.
ניט הפקר,
ווי נעכטן געווען
אין ריי פון מאזאָליקע הענט
איך שטיי אויף דער וואך
און פויסטן געשטרעקטע
צייל איך ניט ווייניק —
צייל איך א סך...

זייער גורל —
איז מיינער

מיט זייערן
פארמיש איך מיין שוויס.
מיט זייערער
פארקנייט איך מיין מי.
איך ווייס:
ווי מיין חוב אויסצופולן,
פון התחייבותן פעלן
מאָר ניט קיין
האָר
זייערער —
אויך
מיינער —
דער בלי
און
דער העל
פון
קאַיאָר!

פאר העבערס און בעסערס?
אליין מיר'ז
זאָרגן
איין ווילן באפעלן,
איין ווילן
באשטעלן

צו שמידן דעם גלי
פאר שטייגענדע
העלן
פון היינט.. א היינט,
וואָס שניידט אויס דעם וועג
פארן
ליכטיקן
גליקלעכן מאָרגן!!!

מיין חלום צייטיקט זיך...

מיין חלום צייטיקט זיך אויף יעדן טויער
און ציט אין זיך פון דאָרטן, ווי טרויבן פון דער זון די זאפט...
צעריבן ליגט דער גלאנץ פון ברעכנדיקן מויער
און לעבער פון מיין לײדן־שיד — פרשטאפט...

דעם שטורעם שטילן־נאָך עמיצער דאָ מיינט...
פלעכט מען נעצן מיט כל המינים שטריק...
אין האַרץ די טרער איינמאָל אויסגעוויינט
קען שוין קיינמאָל ניט זיך אומקערן צוריק...

אין געדאַכטער שטילקייט שיפּען שלאַנגען און ס'זידט,
ס'זידט מיט שטאַרקע טויזנטער פאַרדראָסן,
דאָ אָבער גייט א מענטש, וואָס ווערט ניט מיד
באַשווייסן פעלדער, זאַוואָדן, מויערן און גאַסן...

דער הונט

שטייט א הונט ווי געוויינלעך שטייט
און היט זיין פריץ אויף א קייט
שמעקט ער אַן פרעמדע טריט
צום בייסן תיכף איז ער גרייט.

פליסיק מיטן אויער ער צילט
און מיט א שארפער ראיה וואך
ווי דעם פריצ׳ס ריח דערפילט
אים בילט ער אוים א שיינעם שבח...

אזוי גייט דער הונט אויף זיין קייט
און היט דעם פריצ׳ס פיינע הויט.
די קייט פאר אים — א זיידן קלייד
באקומט פאר איר זיין שטיקל ברויט...

חניפיש רעשט'ר, בייסט און שפּילט
זיך. פאַרן פּריץ — מיט זעל און לעבן
ליבע נאָר צו אים ער פילט
און מיט הינטיש — געטריישאַפט — איבערגעבן...

ווי נאָר א צווייטן הונט ער מערקט
דערנענטט זיך צו זיין פּריצס הויז
אויגן ווילדע פון קאָפּ ער שטרעקט
און קללות שוימט פון זיך ארויס...

און ווען זיין גלייכן מיט א גוואַלד אנטלויפט
באַוויענדיק זיין ווונד פון שטעקן
דער פון קייט דעם פּריץ לויבט
און כאַפּט זיין האַנט באַלעקן...

פאַרן הונט דעם פּריצס מיסט
ליבער איז פון פוך און פעך
ליגט ער דאָ אויך ניט אומזיסט
נאָר פאַר ביינער פון דער קעך...

ווען דער בעל הבית אים אליין
מיטן שטעקן באַגלעט זיין פעל
באַווינט ער זיך זיין געביין
דרייענדיק זיך ארום דער שוועל

ניט נאָר בייסן ווילן זיינע ציין
נאָר מיט אויגן אים זינגען אוים א לויב
ווערן ווערט ער ווי א מייזל קליין
און שטיל, שטילער פון א טויב.

מיינסטו אז די חיה־הונט אויף קייט
וואָס ליידט פון רעגן, וויכער, ווינט
ווייסט נישט אז איר שטיין באשטייט
אין היטן ניט א מענטש, נאָר אויך א הונט!?...

קומט מיט מענטשן!

קומט מיט מענטשן, קומט מיט אלע.
דרייסטער שטעלט אייער טראָט אין גאנג
די רויטע פאָן וועט אייך פירן
צו די שטאַמען פון געזאַנג

גענוג ביי טויערן בעטלען, קלאַפּן
מיט א ציטער אין געביין
אויפסניי דעם קלעם זאָל מיך פארכאַפּן
ניט דערלאָזן איך טאָר אליין.

אַט די רינגען וואָס זיי קאָוועז
צערימן ליגן אין א זייט
און דער חוזק וואָס זיי כאָוועז
וואלגערט זיך שוין אין דער ווייט.

אויב דער וועג וואָס מיר פאַרמעסטן
בלוטיק שווער וועט ער אונדז זיין,
טאָ מיט אַ ווילן ייִמאַליק־פּעסטן
זיך דורכשניידן צו דער שיין.

ביים געוויסן דאָ מיר שווערן
שווערן אויבעט ביי זיין העל
מיטן שוויים פון אונדזער שטערן
רייך באַלייכטן אונדזער שוועל.

קומט מיט מענטשן, קומט מיט אַלע.....
דרייסטער שטעלט אייער טראָט אין גאַנג
די רויטע פאָן וועט אייך פירן
צו די שטאַמען פון געזאַנג.

צו אַן „איכה" דיכטער

האָט פון חרובע ערדן אַ צעגליט אות
אין שטיל אַ בלענד געטון פאַר וועמען ?
פאַר אַ געמיט וואָס „איכה" לידער
געשעפּטשעט האָט פון חצות
און הערט ניט אויף זיך אַלץ צו שעמען.

פאַר דער וועלט... און פאַר די אָפּגעקומענע מיט געשרייען
וואָס ווינטן ברענגען צו די אויערן
פון פלאַגן שווערע, שאַרפע ווייען,
וואָס הוידן זיך אויף אוישוויץ טויערן....

האָב איך אין איין רגע מיט אומרואיקייט
איינגעאָטעמט דיין בראָטנדיקן צער
האָבן „פלעמלעך אין דער נאַכט" מיט שווארצקייט
מיינע בלוטן אָפּגעפלעקט דערפאַר.

און ווי א בלאָנזשענדער אין מדבר פּרווט
זיין דאָרשט מיט אייגן בלוט צו לעשן,
בעת אים טראָפּנס וואסער פעלן
אזוי מיט טרערן אייגענע געפּרווט האָב איך א צייט
מיינע וווּנדן טיפע צו פאַרהיילן.

אָבער פאַרסמט אזוינע מיטלען זענען
און יאטערן די וווּנדן מער
ווי דיינע טראָגן זיי דעמזעלבן ווייאָנקער
מיט דער זעקס מיליאָניקער פאַרברענטער טרער.

פאַרהיילן וועלן מיר די וווּנדן אפשר ניט
פאַרציען אָבער וועט זי אונדזער צייט אויף גיך
נאָר דעמלט זיין וועט דער — דער לעצטער שניט
אויב אין זכרון אויף א בלאַט צעשפּרייטן וועט ער זיך.

זע! די האָריקע אוראלטע האנט אויפסניי
עפנט טירן... ווידער ברוינע... פון שווארצן חדר
פאַר רוצחים וואָס פראַנק און פריי
טראָגן און פאַרקויפן דיין טאטנס און מיין מאמעס קליידער

איז ניט פאַרגעסן, חבר לייד־מיטטרעגער
מיט האס און ליבע לאָדן אונדזער ניגון
זאָל ער גרילצן, אפילו גראָבער אויסזען מעג — עד
אבי דעם אכזר אויף דער תליה
זאָל דער ווינט פאַרוויגן.

און פאר ברודערס, שוועסטערס הערצער, טריי
כלי־זיין שמידן דארפן נייע לידער
וואָס שמעלצן מוזן אייזן, שטאָל און בליי
פאר ברוינע גאָרגלען וואָס מיינען מאָרגן קומען ווידער
צו די קינדער שטילע — מענטשלעכע געשטאלטן.

און ווי עס זאָגט ביי דיר דער שאָטן פון יענעם חתן:
„דאָס האָב איך זיי אין וואלד אויסבאהאלטן
איך האָב נאָכן שטארבן נאָך לעבן געוואָלט
האָב איך פאר זיי מיט מיין בלוט אָפגעצאָלט."

טאָ לאָמיר זיך מיט דעם באצאָלטן בלוט באדינען
פארן גרויסן ליד... און עס זינגען דרייסט און גיך
העלן מיר מיט אים א וועג געפונען
צו יענעם הארץ וואָס קלאַפּט נישט נאָר פאר זיך.

האָט פון חרובע־ערדן א צעגליט־אות
אין שטיל א בלענד געטאָן פאר וועמען?
פאר א געמיין, וואָס [illegible] שמידט [illegible] פון חצות
פארן קיום און פאר דער רו פון פרייע היימען.

„ווען רוט שוין די וועלט?..."

ווען רוט שוין די וועלט?
פרעג איך טאקע אויך.
און דווקא פרעגן וויל איך
בא דעם קאמף און ביי דעם כוח.

מיין ליד פון קאמף און קראפט אויך איז
און ס'בליעט ערשט, עס איז גרין,
ווייל דעם האָניג נעמט אַלץ אַוועק
דער פרעסער ביי דער בין

און ביי ערלעך טרייע הערצער
געפונט עס א באריך
אין בלוטן שפיגלט זיך די ריינקייט,
וואָס כוואליעוועט אין מיר

דערפאר נאָך שיינקייט, בלי און זאפט
פון צווייג, פון בלאט, פון צווייט
בענקט פון זיך ארויס
דאָס קעמפנדיקע ליד

און באפרישט, באטויעט און ס'הויבט
צו הייכן הויכע אויף זיין טרוים;
טרעסלט אָפּ די ווערעם אלע...
וואָס זויפן אויס די זאפט באַם בוים.

זאָגסט: „פון קאמף און פון קראפט
איז דאָס ליד שוין מאט..." האָט די נאכט
אין מיידאנעק, טרעבלינקע...
נאָך אלץ דאָס ליד נישט אויפגעוואכט?

איז וואָס־זשע טויג מיר איצט א ברויז,
וואָס שטראָמט פון קאלטע קוואלן...
וויאזוי בליען קענען וועט די רויז
פון דיין „לבנה־שיין" מיט אירע פאלשע שטראלן?;

קומסטו מיט דיין ליד פארשלעפן
דעם בוימס אויפגעוואכטע טעמים;
בעת ער האלט די שלאנגען שוין
מיט זיין דופט פארסמ'ען?...

און דערמאנט אין ליד וועט ווערן
דעם טייכלס לאך, „מורמלען פון קוואל“
קודם אָבער מוז דער פינצטער
פארשווונדן איניינעם מיט שאָקאל.

און ווי ווייט, שווארצקייט אין מיין ליכט
טריפט ארייַן די נאכט,
וועט מיין ליד נישט מידן
און שטענדיק בלייבן וואך

און אויב דו ווילסט אין ליד דערמאנט זאָל ווערן
„א שארך פון קלייד, א זיידענער ריר“?
טאָ גיי אין שאכט און באנעם ניגון דאָרט,
וואָס רייסט די קראפט ארויס פון איר

צו וועבן אוים דאָס „זיידן־קלייד“
אין פאבריק־גערויש פון שטאָל־געשריי
גיסט זיך איין דעם מענטשנס מי. .
הער דיך בעסער איין אין זיי...

איז ווי קען א ליד אזא
ווערן אמאָל „מאט“
אז זיין געבורט איז ערשט
אין סאמע צווייג, אין סאמע בלאט?

און רו דער וועלט וועט טראָגן
ווי פרילינג טראָגט דעם בוים זיין צוויט
ניט דאָס שלייפנדיק
נאָר דאָס קעמפנדיקע ליד.

1־טער מאי

פאַר אויגן וואָס מיר ניט צו־זוכן
דעם גלאַנץ פון ווערטפולן זיין,
ברויזן אויף קוואלן, העלן צעשטראלן
און דרינגען אריין אין זייער שיין

אין פאלדן פליסנדע שטראַמען
אותיות פונקלען ווי טראָפּעלעך טוי,
גלויבן און מוט אויף פליגעלעך טראָגן,
און קערנדלעך אמת צעוואָרפן אין בלוי.

און ליבע אין הערצער ערלעכע, ריינע
ייִערט צום לעבן אויפסניי,
אין נאָענטן אַנקע[illegible], און [illegible]ים פון באנעם,
צעבליצט דעם בטחון — דער ערשטער מיי.

און בעסע־ט, דער־הויבט און באנייעט;
אַן אָנזאָג ער פּיקט אין די מוחות,
א פּרווו פון באוווסטזיין, א ריר דעם געוויסן —
א ציילונג פון לייבלעכע כוחות

פאר אויגן וואָס מיד ניט צו זוכן
דעם גלאַנץ פון ווערטפולן זיין,
ברויזן אויף קוואַלן, העלן צעשטראַלן,
און דרינגען אריין אין זייער שיין.

שמייכלט די זון

פאַרטראַנקען די נאַכט אין איר אייגענער פינצטער
ליגט זי צעצויגן ווי אַ נאַקעטער פּגר.
וועקן די קלאַנגען דעם טויער און דאָס פענצטער —
די שעה פונעם הספּד קלאַפּט אויס דער זייגער...

אַ גיהנום געדודער, אַ גערויש, אַ געפּילדער...
וויל נישט מקבר זי זיין דער קטיגור...
וויען ווינטן בייזער און ווילדער
און בעטן אין תהומען איר אויס אַ געלעגער...

קומען צולויפן פון באַהאַלטענע ווייטן
גערעכטיקייטס פלאַמען מיט ערלעכע זאָגן
פאַרהילן דער נאַכטס אָנגעדאָפּעטע זייטן
און רייסן אַראָפּ פון די פּלייצעס די פּלאָגן...

ווי נאָר דער ריסקל דער לעצטער דעם קבר פארשלאָסן
און שווייסיקן שטערן באווישן הענט זיינע מידע
געזאנגען אין רוימען זיך האָבן צעגאָסן
אין געוועט מיט דער זון־שטראל אויף פריילעכער סעודה.

פרישער דער מנעטש... גלייכט זיין רוקן געבויגן...
שמייכלט מיט אנדערע שיינע די ז ן..
ניטאָ מער די נאכט זאָל אים בלענדן די אויגן
און העלער אנטפלעקט זיך די רויטקייט פון פאָן.

23־טער אויגוסט

היינט וויל איך דעם נעכטן דערמאַנען
אין הונגער און טויט וואָס אין לעבן געטראָגן;
מיט פּחד געליינגט זיך, מיט מורא פון שלאָף אויפגעשטאַנען
פאַר גרויליקע פּיינען, פאַר שענדלעכע קלאָגן.

איז וויל איך א קוק טון, אין פאַרשאָלטענעם נעכטן
און א מוטיק, הויך וואָרט ארויסזאָגן:
בעת איך האַלט מיינע טרויעריקע צעפּ שוין געפּלאַכטן.
צעפּ וואָס מיין קאָפּ וויל מער שוין ניט טראָגן.

שראַמען אַזוי־פיל ווי קען איך אין איין מאָל אויסציילן,
ווען נעכטיקער הויז, דערניידער, יסורים געעפנט ווונדן אַלץ נייע?
נאָר אין אמת א גרויסן וועל איך אויסשיילן
ווער ס'האָט דערשלאָגן און אין תהומען פאַרטריבן די נעכטיקע חיה.

האָט די כוואַלענדע צייט אויף בלוטיקע ימען — צום יושר דער גייער —
אויף זיינע ווונדיקע פּלייצעס זיי דורכגעטראָגן
און פּעדעמלעך־ליכט געוועבט אין מיין שוואַרצקייט דער רויטער אַרמייער
און אַ טרייסט ניט געקאַרגט אין זיינע העלדישע זאָגן...

אין שלאַפלאָזע נעכט, אין קעלטן, אין היצן
מיט צעריסענע לעבנס, שפּרייט אויס זיינע וועגן, ווידער און ווידער
טראָגט דורך פלאַמען און רויכן, דורך שטורמישע בליצן
און לעגט אים פאַר אַלע דעם טאָג דאָ אַנידער.

דער דריי־און־צוואַנציקסטער אויגוסט: —
אַ טאָג פון תּחלה געגאַרטע
האָט גראַטעס בא הערצער צעשמאָלצן
ווי אַ בטחון געגליט, אַ גלויבן אַ פאַרשפּאַרטער...

אַזוי איז דער אויגוסט געבוירן אַ דאָ
אין פּוילן, אין כינע... אָבער
וואָלט דען אין ליכט אַצט מיט פריי געאָטעמט די שעה
ווען לענין און סטאַלין צעבונדן ניט אַ זון אין אָקטאָבער?!

איז וויל איך אַ קוק טון אין מיין אייגענעם מאָרגן
און אַ מוטיק הויך וואָרט אַרויסזאָגן:
איך זע ווי אין שטויב ס׳וואַלגערן זיך צעפּ פון טרויער און זאָרגן,
זאָרגן וואָס מיין קאָפּ וועט שוין קיינמאָל נישט טראָגן...

דער שטראַל וואָס ברענט...

דאָס ליד איז נישט געבוירן אויף כוואַליקן געוויין
וואָס כליפּעט אוים א האַרץ געליטן,
נאָר פון האַס צו אַלעמען וואָס איז נידריק און געמיין
און זויפן וויל נאָר פרעמדע בלוטן....

צעצונדט זיך העל א נקמה־פלאַם
צעצונדט זיך שטאַרק א שנאה אין מיר
זאַפּ איך איין די לײדן זייערע אין מיין שוואַם
און ברייטער עפנט זיך אין האַרץ א טיר.

ווער איך מילד — מיין ליד ניט קאַרג
פאַרן בליענדיקן־גרינעם וואַלד,
ס׳ליד וואָס ווייזט זיך קיינמאָל אויפן מאַרק
ווו גוידערס פּעטע שפּיגלען זיך אין גאָלד.

נאָר באַזינגט די רויטע שטראַל:
וואָס שטיקט די שלאַנג, דעם וואָרעם בריט,
שטעכט די אויגן באַם שאַקאַל
און אַ פרייד צעגליט אין מיין געמיט.

ניט געלאָשן איז מיין פלאַם...

קיינמאָל האָט אין ועזן מיינעם, שימל ניט געבליט,
ווייל ווינטן בייזע אויסגעשישעט האָבן מיין געביין...
כ'האָב א ליבע־פונק אין הארץ געטליעט
וואָס האָט צומאָל צעכליפעט א געוויין.

ניט געלאָשן האָב איך אין קאַלטע וואסערן מיין האס
און לידער ניט געזונגען פאר צוגעמאכטע טירן
מיט פלייצעס בין איך ניט געשטאנען צו מיין קלאַס
און ניט דערלאָזט אים פארפרעמדטע זאַלן פירן.

פון פעטע גוידערס האָב איך א „גוטן טעם" געפילט...
פון קדמונים טראָג איך נאָך מיין האס צו זיי,
מיט חניפה־שמייכלען האָבן זיי מיין בליק פארהילט
און אים געווארעמט ווי מיט פראַסטיקן שניי.

איצט שטייען זיי מיט נעבעכדיקע ברעמען דאָ
וואַרטנדיק אויף הילף פון איבער אָקעאַנען,
אָבער קומען וועט שוין מער ניט יענע שעה,
וואָס זאָלן אין נעכטנס...... זיי דערמאָנען....

מלחמה ווילט איר ?

מיט א פארעקשנטן ווילן
דעם שטורעם מיינט איר נאך שטילן?

ווו האט איר א כוח צו שטעלן
אקעגן פויסטן וואס רייסן ביי ע״ד די געדערים

ווי איר זאלט דעם שטראם פארהאלטן ניט ווען
דער מארגן ניט אייך,
נאר אונדז
וועט מוזן געהערן !

אויב פארהאלטן איר מיינט
דעם ברויז דורך אייזערנע פלויטן
און אין זיין וויגל דערשטיקן :

איז פאַר אייערע גראָב־אויסגעפּרעסענע הויטן
מיט פּעך און מיט שוועבל געלאָדן שוין בליקן
און הערצער מיט זיריקע כעסן
(זאָלט איר דאָס וויסן, געדענקען)
וועלן צעשמעלצן פון טויערן די שלעסער
און אייערע גייציקע אויגן
מיט האַסן
פאַרטרענקען!

געניוג!

הונדערטער יאָרן אין חשכות געגליט א טרוים
פאַר אונדז
אויף טויזנטער ריגלען פאַרחתמעט האָט איר די שטראַלן
צעברויזטע פון אונדזערע בלוטן, מיען און שווייסן
באַם גראָבן דעם באָדן מיט נעזער פאַרגעלטע
פאַר בלייענע גראָשנס זעלטן געציילטע
אייערע גאָלד־גרובנס האָבן ניט אויפגעהערט נאָגן
מיר האָבן געקלעטערט, געקראָכן, געפאַלן
און איר האָט כוונהש געשלאָגן
אזוי זענען מיר ווייטער און ווייטער געקראָכן
און געזוכט...
געזוכט, און די וואָר פון א חלום

געפונען

מיט וועמען
אייערע שלעסער
מיר האָבן געבראָכן.

האָט דערגרייכט שוין דער הילך
צו אייער קויטיקן זינען ?
איצט ווען דער גלאַנץ פון איבערגעפוילטן
אויף א דריטל זיך וואַלגערט אין שטויב
טראָגט איר אין פארביינערטע הערצער א שנאה
און א גלויב....
און מיט שוימיקע ליפּן איר שפּריצט און איר
שעלט

ווי שאקאלן אין נאכט ארײנשאלן:
„א שרפה א רויטע פארכאפּט האָט א וועלט"
קיינמאָל און גאָרניט קען אונדז ניט הארן,
וואָס עמעצן פיבערן „רויטע קאָשמארן"

. . . .

זיבער און דרייסט שפּאנט דער ריז־פּראָלעטאר
ער גייט צו זיין ליבט, צו זיין טרוימיקער פריי
אים הארט ניט אייער פיבער — איז נעכטן דערפאר
געהאלדזט האָט אים נאנקינג און היינט האָט שאנכיי
אונטער א הייליקן טאָן
(וואָס קענט איר דען טון ?)
ויען מאָרגן צעוויקלען
וועט אויך אין קאנטאָן
אונדזערע אלעמענס לייבלעכע פאָן !
יאָ !
פאר וועמען א שרפה,
רויטע קאָשמארן

אזן פאר וועמען א לעבן,
א העלערם
אויסוועבן
להכעיס אייך וויל ער
ווען שווייסן מיר ווילן מער אייך ניט געבן
און איר זעט ווי די שיסל ווערט ביי אונדז פולער
פון צייטיקע זאפטיקע פירות
רויבן קאָנוואלסיש
אייערע מיילער — אָן, שוימען

באשמוצן, באפלעקן אונדזערע
הייליקע טרוימען
און ווילד
„ווי דער הונט אויף לבנה וועט און בילט:
„לעשן די פלאַמען, די וועלט זיי פארהילן".

א ב ע ר ו ו ו ?
א „סנה" — איז די מי
ווי קענט איר דאָס לעשן און אפילו אָפּקילן...
מיט א פארעקשנטן ווילן
דעם שטורעם מיינט איר נאָך שטילן?
ווו האָט איר א כוח צו שטעלן
אקעגעז פויסטן וואָס רייסן באַ ערד די געדערים?
ווי איר זאָלט דעם שטראָם פארהאלטן ניט ווען
דער מאָרגן ניט אייך,
נאָר אונדז
וועט מוזן געהערן!

אויב פאַרהאַלטן איר מיינט
דעם ברויז ד ו ר ך אייזערנע פלויטן
און אין זיין וויגל דערשטיקן:
איז פאר אייערע גראָב־אויסגעפרעסענע הויטן
מיט פעך און מיט שוועבל געלאָדן שוין בליקן
און הערצער מיט זידיקע כעסן
(זאָלט איר דאָס וויסן, געדענקן)
וועלן שמעלצן פון טויערן די שלעסער
און אייערע גייציקע אויגן
מיט האסן
פ א ר ט ר ע נ ק ע ן!

. . . .

א מ ת
אונטער אייערע ארטריטעשע פיס
דער באָדן שוין ברענט
ווען אייערע אויערן כאפן אויף קלאנגען
טראָגנדיק פרייהייטס געזאנגען
צעקנוילטע פון סערפן,
פון האמערס,
פון הענט:
דעמלט צעטרעסלט דער פיבער
אייך שטארקער
און צעטומלט לויפט איר
ווי מייז פון א שריפה
א גריזעכטס איר זוכט אין אייער לויפן.
דער קנעכט וויל זיין מי
שוין מער ניט פארקויפן!

איך פאַרשטיי...
און איך זע אייער געלויף
מיט נשמה׳קעלעך קליינע,
שמוציקע,
טריפה

איר לויפט...
איר לויפט פון די פלאַמען,
וואָס טראָגן אין זיך האַס! ? !
מיט צײנער די פלאַמען קען מען ניט בייסן! ? !
„עס ברענט״ שרייט איר אויף גרויסע פלאַקאַטן,
כדי טיפער און ברייטער אָדערן רייסן: —
צעפּויקט איר אין וועלט פאַלשע דעפּעשן
בעת פּורעמסט אויס באָמבעס, אַוויאָנען, אַרמאַטן

ב ל ו ט...
בלוט דאַרפט איר די פלאַמען צום לעשן.
מיר פילן אייך גוט
און וועלן אין לעבן קיינמאָל פאַרגעסן:
אין ברויט, וואָס מיר האָבן פון הענט אייערע
„גוטע״ געגעסן

ג ע ל י ט ן...
און פאַרטרונקען מיט אייגענע בלוטן.
אין כלערליי נויטן איר האָט אונדז געבאָדן
און הערצער מיט שנאה האָט איר געלאָדן
אין וועלכע די שנאה געוואַקסן האָט גרעסער?
איצט שאַרפט איר די שווערדן שוין ווידער
פאַר וועמען?
מיר ווייסן...
מיר ווייסן וואָס אַמאָל בעסער:

אייערע הערצער,
וואָס טויטן דעם מענטשן ווילן נאָר טראָגן
וועט טיפער און שארפער שניידן די שארף פונעם מעסער...

ריזיקע כוחות זיך שטורמיש צעוויקלען
כוחות פון שאכט, פאבריק, און פון פעלד
אויב איר ווילט ניט און קענט ניט פאשטייען
און דוקאי נאָך פרווון די וועגן אָפּשפּאַרן
פאר כוחות וואָס דארפן
און וועלן
אויף זיי גייען: —

לאכן מיר פשוט זיך אויס פון אייער וועלט
א וועלט אָן א זון, איבערפוילט און צעפרעסן
ווי הפקר, חוזק און עלנדט דער מענטש איז
ווי שווינדל און גנבה איניינעם נאָך זיצן
בא טישן און פראָוועץ בשותפות מיט זנות
אזא וועלט...
וואָלט מען באדארפט שוין פארגעסן
אזא וועלט
אונטערגיין לאנג שוין כדאי איז
אויב אייערע פיס וואָס מעסטן קיינמאָל די גאסן
האָבן דעם ערד־ציטער אויכעט דערפילט
איז ווייסט:
אז דער ציטער קומט פון מיליאָנען פארדראָסן
בעת רייסן א קייט
נאָך א קייט
אין וועלכע ענגער געהאלטן
מען האָט זיי געשלאָסן
לויט אייער באפעל...
לויט אייער טייוולאנישער שפיל

האָט איר מיט שטויביקער ערד
אונדזערע הערצער געמישט
און וויינען...
וויינען אפילו פאַרוואָרט

איצט קלינגען די לעצטע מינוטן
פון אייער צוועלפטער שעה
מער וועט איר ניט ברעקלען
און דרויבלען מיין רו
שלום.
דונערט הילכיק דאָס וואָרט פון מיין טאָג
און קולות מיליאָנען
זיך גיסן אָן אויפהער
אריין אין אונדזער
לויעריקן זאָג:
איר וועט זיך אין אייגענע בלוטן פאַרכלינען
פאַר אייערע הונטישע הערצער
מיר האָבן א מיטל געפונען...
איך זע ווי דער שטערן
אויף אייער הימל
האלט אין פאַרגיין
ס'קען אנדערש ניט זיין...
אייער שקיעה איז אונדזער באַגינען
ס'איז שוין קיין סוד ניט
פאַר קיינעם
איניינעם
מיר קענען
און ווילן
דאָס לעבן
ניט שפּינען
מאי יאָר 1949.

שלום טראָגט איר דאָך דער וועלט.

שמידט אויס דער ארבעטער זיין פרייהייט
און שטרעקט דעם מאָרגן אויס זיין האנט.
זע, זיין שטאם א וועג באנייעט
פארן וויל־זיין פון זיין לאנד

שניידט ער וועגן אויס זיך קלאָרע
מיט בטחון אין קאמף ער גייט
און מיט א ווילן א פארשטארקטן
גיט ער מאָנט און ניט ער בעט

פארן היינט דעם אויסגעקעמפטן —
לעבנס שיינע אָפּגעצאָלט
און מיט בלומן, יונגע בלומן
זיינע שטריכן אויסגעמאָלט

גייט ער דרייסטער מער ווי תמיד
מיט הענט פארבייגלטע הויך געשטרעקט
אין הארצן זיינעם בליט א ליבע,
א ליבע הייסע — נישט באפלעקט.

איבערפולטע הערצער ריינע
מיט ליבע און שנאה —ביידע צוויי
קעגן מלחמה־העצערס די געמיינע
די קרוין פון לעבן טראָגן זיי.

איצט צעוויקלט וואָס מער ברייטער
די פאָן פון קאמף און הויך זי שטעלט
מער ווי תמיד גייט־זשע דרייסטער
שלום טראָגט איר דאָך דער וועלט.

אינהאלט:

זייט

אָקטאָבער	3
קינדער־יאָרן (קאפּ. I)	5
„ „ („ II)	10
„ „ („ III)	14
מיין רעכט	16
סירענע	18
היינט	20
קאיארן	22
דימיטראָוו	24
צום בלי	27
טראנסניסטריע מאָטיוון	29
דער אכזר און פריינט	31
מיין חלום צייטיקט זיך	46
דער הונט	47
קומט מיט מענטשן	50
צו אן „איכה" דיכטער	52
ווען רוט שוין די וועלט?...	55
1־טער מאי	59
שמייכלט די זון	61
23־טער אוגוסט	63
דער שטראל וואָס ברינט	65
ניט געלאָשן איז מיין פלאם	67
מלחמה ווילט איר?	69
שלום טראָגט איר דאָך דער וועלט	77

JEWISH PUBLIC LIBRARY
Collection
Collection

געגעבן אין ארבייט: 22 אָקט. 1949 ; גוט צום דרוק:
17 דעצעמב. 1949 ; טיראַזש: 1050, פֿאָרמאַט: 86x61/16
קלאַסיפֿיקאַציע: 1-46-2-892.
געדרוקט: „דאָבראָגעאַנו געזעאַ"
נר. 3150/1949